# פרשת וירא י"א - י"ז חשון תשפ"ב לפ"ק

*יום ראשון פרשת וירא*

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יואל שטיינבערג** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ח סעיף י') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**דער** אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, אל הארץ אשר אראך (בראשית יב-א). רש"י זאגט, אז ער האט אים נישט געזאגט וואו ער זאל גיין, כדי ער זאל אים געבן שכר אויף יעדן דיבור. אין יעדע זאך ליגט עפעס א לימוד וואס דער אייבערשטער האט געוואלט לערנען אברהם אבינו, וואס עס איז נוגע פאר די עבודה פון א יוד. וואס איז געלעגן אין דעם ענין פון לך לך מארצך, אל הארץ אשר אראך.

**די** גמרא (ראש השנה כו:, מגילה יח.) זאגט, לא הוי ידעי רבנן מאי השלך על ה' יהבך (תהלים נה-כג). דער פסוק זאגט, ווארף ארויף אויפן אייבערשטען 'יהבך', זיי האבן נישט געוואוסט וואס דער יהבך איז, וואס מיינט דער ווארט יהבך. האט רבה בר בר חנה געזאגט, איך בין אמאל געגאנגען אויפן וועג, און איך האב געטראגען א פעקל אויף מיין רוקן, איז אדורכגעגאנגען א אראבער, און ער האט מיר געזאגט, נעם דיין יהבך, און לייג עס ארויף אויף מיין קעמל, און איך וועל עס טראגען פאר דיר. האב איך דעמאלטס געוואוסט אז יהבך מיינט א פעקל, א לאסט, וואס מען האט. די גמרא איז א פלא, די חכמים האבן נישט געוואוסט א פסוק אין תהלים, וואס עס מיינט השלך על ה' יהבך, ביז דער אראבער האט אים געדארפט פארציילען אז יהבך מיינט א פעקל.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **יוד הק' פון פרשיסחא**, עס איז זייער א הויכע מדריגה, און עס רעדט נישט צו אונז, אבער איך וועל עס קודם איבערזאגען, כדי מען זאל קענען אראפגיין מיט א מדריגה פון דעם ווארט. דער יוד הק' האט געזאגט, אז אין בטחון איז דא אסאך ערליי מדריגות. עס איז דא בטחון, וואס א מענטש טוט א השתדלות, ער טוט וואס ער דארף צו טון, און ער פארלאזט זיך אז דער אייבערשטער וועט אים העלפן. און עס איז דא צדיקים וואס זענען אין אזא הויכע מדריגה, אז ער דארף גארנישט טון, ער פארלאזט זיך אינגאנצן אז דער אייבערשטער וועט אים שיקן וואס ער דארף צו האבן. און לא ידעי רבנן, די רבנן האבן נישט געוואוסט, מאי השלך על ה' יהבך, וויפיל איז דער שיעור פון השלך על ה' יהבך. דארף א מענטש עפעס טון דערצו, צו ער דארף זיך אינגאנצן ארויפווארפען אויפן אייבערשטען, צו נישט. ווען ער האט געזעהן אז ווען ער איז געגאנגען אויפן וועג, און ער האט געטראגען א פעקל, און ער האט גארנישט געבעטן דעם אראבער אז ער זאל עס איבערנעמען, און פון זיך אליין האט ער זיך אנגעטראגען, לייג עס ארויף אויף מיר, איך וועל עס שוין טראגען. האט ער זיך אפגעלערנט, אז די בטחון דארף זיין אזוי גרויס, אז אפילו מען האט גארנישט געטון קיין השתדלות, אויב עס איז באשערט, וועט דער אייבערשטער צושיקן דעם גוי, און דער גוי וועט דיר עס טראגען. לא הוי ידעי רבנן מאי השלך על ה' יהבך, אבער ווען ער האט געזעהן אז ער האט גארנישט געטון, און דער טייעא האט אים געהייסען אז ער זאל עס ארויפלייגען, האט ער דעמאלטס פארשטאנען די טיפקייט פון השלך על ה' יהבך. - דאס איז א ווארט פאר צדיקים, וואס האבן נישט געטון גארנישט. אונז ווייס מיר, אז אונז דארף מיר טון השתדלות, יעדער יוד איז מחוייב משתדל צו זיין פאר זיין פרנסה, און ער דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען. וואס ליגט אין דעם, לא הוי ידעי רבנן מאי השלך על ה' יהבך.

**דער** פסוק (דברים ח-יב) זאגט, ווען דער אייבערשטער וועט העלפן, אז עס וועט גיין גוט פאר א מענטש, ובתים טובים תבנה, דו וועסט האבן הייזער, וישבת, און דו וועסט זיך באזעצן, וכסף וזהב ירבה לך, וכל

אשר לך ירבה, ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך, און דו וועסט נאכדעם זאגען, כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, איך מיט מיין כח, מיט מיין עוצם ידי, מיט מיין חכמה, מיט מיין ערמימות, האב איך מיך דאס אלעס פארשאפט. קוק וואס איך האב, איך בין געקומען אויף די וועלט ליידיג, און קוק וויפיל פארמעגן איך האב, ווער האט עס מיר פארשאפט, איך אליין. וזכרת את ה' אלקיך, דו זאלסט געדענקן דעם אייבערשטען, כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל. בפשטות רעדט מען דא פון גאר פשוטע מענטשען, ער זאל נישט געדענקען אז דער אייבערשטער גיט, און מען דארף אים דאס דערמאנען, וזכרת כי ה' אלקיך הוא הנותן לך כח לעשות חיל, אז דער אייבערשטער גיט דיר דעם חיל, און זאג נישט אז כחי ועוצם ידי האט עס געטון.

**נאר** עס ליגט אין דעם א דרך עבודה פאר יעדן מענטש. יעדער גלייבט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער איז א כל יכול, וואס דער מענטש וועט טון, קען דער אייבערשטער צונעמען פון אים, און דער אייבערשטער קען אים אלע זיינע פלענער צוווארפען. ווען ער איז מתפלל און ער בעהט פונעם אייבערשטען, זאגט ער אזוי, רבונו של עולם, איך האב מיר געמאכט א גוטן פלאן פאר א גוטע ביזנעס, און די פלאן וואס איך האב, קוקט אויס אויסגעצייכענט. איך ווייס אבער אז דו רבונו של עולם קענסט אלעס צוווארפען, און עס וועט זיך גארנישט אויסלאזען פון מיין פלאן. איך בעהט דיר, שטיי אין די זייט און טוה מיר גארנישט, מאך מיר נישט קאליע מיינע געשעפטן. ער האלט אז ער טוט אלעס, און זיינע חשבונות זענען גוט אויסגעהאלטען, ער קען זיך אבער נישט שלאגען מיטן אייבערשטען, דער באשעפער קען עס דאך צונעמען פון אים, איז זיין בקשה, אז דער רבונו של עולם זאל אים לאזן פירן זיינע געשעפטן אזוי ווי ער פארשטייט, און מיש זיך נישט אריין. - דאס איז טייטש כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, כאטש ער ווייסט אז דער באשעפער פירט אלעס, און אלעס איז מיט א השגחה, אבער ער טראכט אז ער פירט אלעס אליין, דער באשעפער קען אים נאר איבערקלוגען.

**נאכדעם** איז דא א צווייטע מדריגה, ער ווייסט אז ער טוט נישט אלעס אליין, אבער ער איז על כל פנים א שותף צום אייבערשטען. איך לייג אריין מיין ארבעט וואס איך דארף צו טון, פופציג פראצענט ליגט דא מיינע כוחות, אבער איך דארף דאך אויך האבן די הילף פונעם אייבערשטען, רבונו של עולם געב מיר צו הילף, צוזאמען זאלן מיר מאכען א גוטע ארבעט. איך וועל טון וואס איך דארף צו טון, און דו וועסט אריינגעבן די ברכה. דאס איז נאך אלץ כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, ווייל פופציג פראצענט האלט ער אז עס איז זיין כח. עס איז טאקע נישט זיין גאנצער כח, אבער א חלק דערפון איז זיין כח.

**א יוד דארף גלייבען, אז עס איז אינגאנצן נישט זיין כח! אלעס וואס ער דארף צו האבן איז אנגעשריבן פונעם הימל, און וואס עס איז אים באשערט, וועט אים דער אייבערשטער ממילא געבן.** נאר ווען אדם הראשון וואלט נישט געזינדיגט, עס וואלט נישט געווען א קללה פון בזיעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג-יט), וואלט אוודאי אזוי געווען, אז דער אייבערשטער וואלט אים צוגעשיקט אלעס וואס ער דארף צו האבן. נאר אז עס איז דא א קללה פון אדם הראשון, און מען דארף טון, דארפסטו טון די השתדלות, אבער נישט דא ליגט דיין הצלחה, אז ווייל דו האסט געטון די השתדלות, וועגן דעם וועט דיר דער אייבערשטער דאס געבן. דו דארפסט טון דיין השתדלות ווייל דו האסט געזינדיגט, און עס איז דא א עונש פון בזיעת אפיך תאכל לחם. אמאל וועט דיר דער אייבערשטער שיקן די הצלחה אין די זאך אליין וואס דו האסט געטון, און אמאל וועט זיך גארנישט אויסלאזן פון דעם וואס דו האסט געטון, אבער דער אייבערשטער וועט דיר שיקן פון א אנדערע פלאץ. אבער ווייל דו האסט געטון דיין השתדלות, וועגן דעם האט דיר דער אייבערשטער צוגעשיקט שפעטער. וויפיל צענדליגער מאל מאכט א מענטש חשבונות אין געשעפטן וכדומה, און ער האט אריינגעלייגט אזויפיל פלאג מיט אלעם, און עס איז אים נישט געגאנגען. און נאכדעם אומגערישט, פון א צווייטען פלאץ, טראגט מען אים אן א געשעפט, און א ביזנעס, וואס ער האט גארנישט אריינגעלייגט דערין א יגיעה, און פון דארט באקומט ער עס. עס איז נישט אז ער האט באקומען יעצט א מתנה, ער האט עס נאר באקומען ווייל ער האט געטון א השתדלות. פון וואו ער באקומט עס, דאס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען.

**ווען** א מענטש לעבט אזוי, ווייסט ער, אז עס איז איגאנצן נישט קיין כחי ועוצם ידי. וואס ער טוט, דאס ברענגט גארנישט, נישט דאס האט עס געברענגט. אז עס איז באשערט, וועט דער אייבערשטער געבן דא, און אז עס איז נישט באשערט דא, וועט ער עס געבן ערגעץ אנדערש. זאגט דער פסוק, וזכרת את ה' אלקיך, כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל. וואס דו ווערסט האבן חיל, דאס קומט אלעס פונעם אייבערשטען. ער גיט דעם כח לעשות חיל, עס איז נישט וואס דו האסט געטון, וואס כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה.

**לא** הוי ידעי רבנן, די רבנן האבן נישט געוואוסט, ווי ווייט גייט דער השלך על ה' יהבך. בין איך א שותף צום אייבערשטען, איך געב נאר איבער א חלק פארן באשעפער, צו געב איך אלעס איבער פארן אייבערשטען. איך טוה מיין השתדלות, און דער רבונו של עולם וועט שוין טון זיינס. איז ער געגאנגען אויפן וועג, און דער גוי זאגט אים, פארוואס שלעפסטו זיך מיטן פעקל, נעם דעם פעקל און לייג עס ארויף אויף מיין אייזל. דו דארפסט גארנישט טון, נעם אראפ דעם פעקל, און לאז עס איבער פארן אייבערשטען. האב איך פארשטאנען אז דאס מיינט השלך על ה' יהבך, נישט איך מיטן אייבערשטען צוזאמען גייען מיר שלעפן דעם פעקל, נאר נעם אראפ דעם פעקל פון דיר, און לייג עס ארויף אויפן גמל, און דער צווייטער וועט עס שלעפן. השלך על ה' יהבך, טוה וואס דו דארפסט צו טון, די איבריגע פארלאז זיך אז דער אייבערשטער וועט טון.

**דאס** איז געווען דער לימוד וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך, לאז איבער די פלאץ וואו דו וואוינסט, לאז איבער דיין משפחה, און גיי. וואו זאל איך גיין, איך ווייס נישט. אל הארץ אשר אראך, איך וועל דיר שוין ווייזן. גיי און פארלאז זיך אויף מיר. ווען אברהם אבינו איז ארויסגעגאנגען, איז ער ארויסגעגאנגען אן קיין פלענער, ער האט נישט געוואוסט וואו ער גייט. דער אייבערשטער האט אים נישט געזאגט וואו ער זאל גיין, נאר אל הארץ אשר אראך. דער באשעפער האט אים געוואלט לערנען, א מענטש האט פלענער וואס ער גייט אלץ טון וכדומה, לאז איבער דיינע פלענער, און ווארף זיך ארויף אויף מיר, איך וועל דיר שוין צווייזען וואו דו דארפסט אנקומען. וואו ער איז אנגעקומען, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, יעצט גיי דארט, און יעצט גיי דארט, אבער עס איז נישט געווען דער פלאן פון אברהם אבינו אנצוקומען אויף ארץ כנען, ווייל ער האט דאך נישט געוואוסט וואו דער אייבערשטער שיקט אים. און דאס איז געווען דער לימוד וואס דער אייבערשטער האט אויסגעלערנט אברהם אבינו, אז השלך על ה' יהבך, גיי וואו איך וועל דיר פירן, נעם אראפ די פעקל פון דיר, איך וועל טראגען דיין לאסט.

**אברהם** אבינו האט געהייסען אברם, און דער אייבערשטער האט אים שפעטער צוגעגעבן די אות ה', ער זאל הייסען אברהם. און ער האט אים געזאגט, לך לך מארצך וממולדתך וגו' ואגדלה שמך, איך וועל גרעסער מאכען דיין נאמען. זאגט רש"י אין פשט, ביז יעצט האסטו געהייסען אברם, און פון יעצט אן וועסטו הייסען אברהם. 'אברם' איז די ראשי תיבות, ר'בות מ'חשבות ב'לב א'יש (משלי יט-כא), און דאס איז דער מענטש. ער האט פלענער, ער וועט אזוי טון, און אזוי טון. און ווילאנג א מענטש ארבעט זיך נישט אויס, לעבט ער שטענדיג אין דעם רבות מחשבות בלב איש. א גאנצע טאג איז ער פארנומען מיט וואס ער גייט זיך אויסשטעלן זיין סדר, זיין לעבן, זיין שידוך, מיט זיינע קינדער, מיט זיינע געשעפטן, אלעס וועט ער זיך מסדר זיין. דאס איז דער רבות מחשבות בלב איש.

**דער** אייבערשטער האט גענומען א אות פון זיין נאמען, דער אות ה"א, און ער האט עס אריינגעלייגט אינווייניג אינעם אברם, אז דו זאלסט וויסן ועצת ה' היא תקום, עס ענדיגט זיך נישט מיט דעם רבות מחשבות בלב איש, נאר עצת ה', דאס איז תקום. ווען דו וועסט פאלגן דעם לך לך מארצך אל הארץ אשר אראך, דו וועסט זיך ארויפווארפען אויף מיר, ואגדלה שמך, איך וועל דיר טוישן דיין נאמען. ביז יעצט ביסטו געווען אברם, וואס איז רבות מחשבות בלב איש, יעצט וועל איך אריינלייגען דעם אות ה' אינווייניג, דו וועסט הייסען אברהם, וועסטו געדענקן אז עצת ה' היא תקום, אלעס קומט פונעם אייבערשטען.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת הרב **שמואל פריש** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **גבריאל בויער** הי"ו, שהתקיים בבית חותנו הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין די פרשה די וואך, אז די מלאכים זענען געקומען צו אברהם אבינו, אנזאגען די בשורה אז שרה וועט האבן א קינד. און זיי האבן געפרעגט, איה שרה אשתך, וואו איז דיין ווייב שרה. ויאמר הנה באהל, האט ער געענטפערט, אז זי איז אינווייניג אין שטוב. און זיי האבן אנגעוואונטשען שוב אשוב אליך כעת חיה, והנה בן לשרה אשתך (בראשית יח-ט). די מלאכים האבן זיך געוואונדערט, מען שיקט אראפ מלאכים פון הימל, צו זאגען א בשורה פאר א בשר ודם. האבן זיי פארשטאנען אז אברהם מיט שרה מוזן זיין גרויסע לייט, אז זיי זאלן זיין ראוי צו אזא בשורה טובה.

**אברהם'ס** מדריגות האבן זיי געזעהן תיכף, עס קומען אן שלשה אנשים, און עס איז כחם היום, עס איז געווען שלישי למילה, און אברהם לויפט זיי אנטקעגן, און ער זאגט זיי קומטס אריין אין שטוב, איך וועל ענק מקרב זיין. און ער גיט זיי צו עסן און טרינקען, ואל הבקר רץ אברהם, ער שחט פאר זיי דריי בהמות, ג' לשונות. אז מען פירט זיך אויף מיט אזא מדת החסד, מיט אזא צדקה וואס אברהם אבינו האט זיך געפירט, האבן זיי פארשטאנען אז עס קומט זיך אים אזא ברכה. אבער שרה האבן זיי נישט געזעהן, האבן זיי נישט געקענט מכיר זיין די מדריגות פון שרה. איה שרה אשתך, אין וואס פאר א מדריגה איז דיין ווייב שרה, אז זי איז אויך ראוי, אז מען זאל קומען פון הימל איר מבשר זיין אזא בשורה.

**און** וואס איז די חשיבות ביי א אשה, כל כבודה בת מלך פנימה (תהלים מה-יד), אז מען פירט זיך אויף ערליך, צניעות'דיג, דאס איז די חשיבות. ויאמר, האט ער געענטפערט, הנה באהל, איר חשיבות איז, אז זי איז באהל, זי איז אין שטוב, זי גייט נישט ארויס, זי באווייזט זיך נישט. אפילו אין א שטוב וואו מען דארף מקרב זיין די אלע אורחים וואס קומען, פון דעסטוועגן דאך פירט זי זיך בצניעות. אז אברהם אבינו איז אזא בעל חסד, און זי איז אזא צנועה, האבן זיי פארשטאנען אז זיי זענען ראוי אז עס זאל זיי קומען די ברכה פונעם הימל.

*

**מען** זאגט שמח תשמח רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, עס איז דא א מצוה משמח צו זיין א חתן. כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו עובר בחמשה קולות (ברכות ו:). און רש"י זאגט, משמחו, בדברים. די שמחה דארף נישט זיין מיט קיין גרויסע זאכען, נאר מיט א גוט ווארט וואס מען זאגט, איז מען משמח. 'שמח תשמח' רעים האהובים, אפילו מען האט שוין אמאל געזאגט א ווארט, און מען האט שוין משמח געווען, שמח תשמח, עס האט נישט קיין שיעור וויפיל מען דארף געבן שמחה פארן חתן, בשעת ער שטעלט אויף זיין נייע שטוב.

**רש"י** זאגט, די מלאכים האבן דען נישט געוואוסט וואו שרה איז, אז זיי פרעגען איה שרה אשתך. נאר כדי לחבבה על בעלה, זיי האבן געוואלט מחבב זיין שרה אין די אויגן פון אברהם אבינו, האבן זיי געפרעגט איה שרה אשתך. ווען איך לערן די רש"י, איז עס מיר אזא פלא, זיי האבן שוין חתונה געהאט פערציג פופציג יאר צוזאמען, און מען רעדט פון אברהם אבינו דער גרויסער בעל מדריגה, דער בעל חסד, ער טוט פאר יעדן איינעם. און יעצט דארף קומען א מלאך פון הימל, און איר מחבב זיין על בעלה?! איז א סימן, אז עס האט נישט קיין שיעור וויפיל די לחבבה על בעלה איז. אפילו ווען אלעס גייט גוט, און אפילו ווען מען האט אזא מאן א גרויסע צדיק ווי אברהם אבינו, פון דעסטוועגן דאך צווישן צוויי מענטשען קען זיך אלץ מאכען עפעס א דיפרענץ וכדומה, און עס פעלט. זענען זיי געקומען און זיי האבן געפרעגט איה שרה אשתך, די מלאכים האבן זיך אראפגעלאזט און געפרעגט אזא שאלה, כדי לחבבה על בעלה.

**מען** רעדט צו א חתן וואס שטעלט אויף א נייע שטוב, וויפיל מען האט שוין געזאגט, פון דעסטוועגן דאך יעדע ווארט וואס מען גיט צו, צו רימען די חתן מיט די כלה, און די שטובער פון וואו מען קומט, גיט עס צו אין דעם לחבבה על בעלה, וויסן צו וואס מען האט זוכה געווען. עס איז א חלק פון די שמחה, אז מען זאל וויסן וואס פאר א חשובע שידוך מען האט געטון.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה יהודא ענגלענדער** הי"ו, שהתקיים באולם לא שאטוי. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פרשה פאריגע וואך הייבט זיך אן, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך (בראשית יב-א). די וואך אין די פרשה איז אויך דא א לך לך, ביי די עקידה, דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו, לך לך אל ארץ המוריה והעלהו שם לעולה, על אחד ההרים אשר אומר אליך (בראשית כב-ב). דער מדרש (ב"ר נה-ז) שטעלט זיך, און ער זאגט, איני יודע איזה מהן חביבה, וועלכע איז געווען מער חביב. דער ערשטער לך לך וואס דער אייבערשטער האט אים געהייסען אז ער זאל איבערלאזען זיין שטאט, זיין טאטע מאמע, זיינע ברודערס און שוועסטער, און אוועקגיין אויף א פרעמד פלאץ. צו דער נסיון פון די עקידה, די לך לך איז געווען מער חביב. דער מדרש זאגט, אז דער צווייטער לך לך איז געווען מער חביב פארן אייבערשטען, ווייל עס שטייט אל ארץ המוריה. אין די מפרשים שטייט, וואס איז דער חילוק צווישן די צוויי נסיונות פון אברהם אבינו. ביידע זענען שווערע נסיונות, בעשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועמד בכולן (אבות ה-ג), וואס ליגט אין די נסיון פון די עקידה, אז דאס איז געווען חביב ביים אייבערשטען מער ווי דער ערשטער נסיון.

**אין** די מפרשים שטייט, עס איז אמאל דא וואס א יוד דינט דעם אייבערשטען, אבער מען קען נישט וויסן צו דאס איז פונעם פנימיות הלב, פונעם גאנצן הארץ דינט ער דעם באשעפער, צו דאס איז נאר א חיצוניות'דיגער עבודה. אבער עס דערקענט זיך ביי די קינדער. א זאך וואס איז ערליך, התהלך בתומו צדיק אשרי בניו אחריו (משלי כ-ז), א זאך וואס א מענטש איז אמת'דיג דערביי, דאס גייט אריבער פאר זיינע דורות שפעטער. א זאך וואס ביי א מענטש אליין איז נאר אין חיצוניות, דאס האט נישט קיין כח אז עס זאל אריבערגיין ווייטער פאר די קינדער.

**דער** אייבערשטער גיט קינדער, און מען איז מחנך קינדער לה' ולתורתו. א יוד דארף אליין דינען דעם אייבערשטען, און ער דארף מחנך זיין זיין שטוב צו דינען דעם אייבערשטען. ווען א מענטש דינט נאר דעם אייבערשטען אליין, איז אויך חשוב, אבער עס איז נאר פאר זיך. ווען א מענטש דינט דעם אייבערשטען אויף אזא וועג וואס מען זעהט, אז עס גייט אריבער פאר זיינע דורות שפעטער, דאס ווייזט אויף די אמת'דיגע עבודה, אז מען האט עס געמיינט ערליך.

**לך** לך מארצך וממולדתך ומבית אביך איז געווען א נסיון פאר אברהם אבינו אליין, און אברהם אבינו האט עומד געווען בנסיון, ומצאת את לבבו נאמן לפניך. עומד צו זיין אין די צווייטע נסיון, די נסיון פון די עקידה, האט ער שוין געדארפט האבן א יצחק אויך, וואס זאל מיטגיין מיט אים. ווען יצחק לאזט זיך נישט שחט'ן, ער זאגט פארן טאטען איך בין נישט דערביי, דעמאלטס וואלט נישט געווען די נסיון פון אברהם אבינו אז ער זאל עס קענען ביישטיין. די לעצע נסיון האט איבערגעוויזען, אז די עבודה פון אברהם אבינו איז נישט געווען א עבודה וואס איז געווען פאר זיך אליין, נאר עס איז געווען א עבודה וואס איז אריבערגעגאנגען פאר די קינדער. און נישט נאר סתם א עבודה, נאר אז א קינד זאל הערן פון טאטן איין ווארט, איך וויל דיך ברענגען פאר א עולה, און ער זאל גארנישט זאגען, הערן וואס דער טאטע זאגט, ער האט געוואוסט אז אברהם איז א נביא ה', און אז ער טוט עס, טוט ער עס מיטן דיבור פונעם אייבערשטען, און ער דינגט זיך נישט, נאר ער זאגט תיכף איך בין דא, איך בין גרייט זיך צו לאזען שחט'ן פארן אייבערשטען, דאס האט ארויסגעוויזען די מדריגה פון אברהם אבינו.

**ווען** מען פרעגט וועלכע לך לך איז מער חביב, די ערשטע לך לך, וואס דער אייבערשטער האט אים געהייסען אז ער זאל אליין אדורכגיין די נסיון, צו די צווייטע לך לך וואס דארט האט ער געדארפט האבן יצחק וואס זאל מיטגיין צוזאמען. און מען זעהט אז עס איז אריבערגעגאנגען די עבודת ה' פון אברהם אויף יצחק, דאס איז חביב פארן אייבערשטען, אז א מענטש לאזט איבער ווייטער פאר די דורות. אזוי שטייט ביי אברהם אבינו די וואך (בראשית יח-יט), כי ידעתיו, איך האב ליב אברהם אבינו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ושמרו דרך ה', עס איז נישט גענוג וואס ער דינט אליין דעם אייבערשטען, נאר ער איז מצווה את בניו ואת ביתו אחריו, אז זיי

זאלן אויך אפהיטן דעם דרך ה', דאס ווייזט ארויס די חביבות פונעם עבודת ה'.

**מען** זיצט דא ביי אזא חשובע סעודת שבע ברכות, א חשוב'ע חתן, א מופלג בתורה ועבודה און יראת ה', עס איז יראת ה' חופף על פניו, איך קען אים פון דער יוגענט, ער איז שטענדיג געזעסן באהלה של תורה, ער האט פלייסיג געלערנט און געדינט דעם אייבערשטען. ודין נפיש מדבית אבא, עס קומט נישט פון זיך אליין, ער ווערט נתחנך אין אזא חשובע שטוב פון ר' יעקב יוסף זאל זיין געזונט. עס שפיגעלט זיך איבער די עבודת ה' פון די עלטערן אויף די קינדער, די שיינע דורות וואס מען שטעלט אויף.

**און** איך מיין אז עס קומט זיך פאר יעקב יוסף, דאס וואס דער אייבערשטער העלפט אים אז ער זעהט נחת ביי די קינדער. ער האט א גרויס חלק ביי אונז אין די מוסדות פון די מיידל שולע, וואס ער האלט עס, אז עס זאל זיין אמת'דיג אויסגעהאלטן מיט יעדע קלייניגקייט. וואס מען פילט אז עס איז א זאך וואס עס דארף נישט צו זיין, שטייט ער, און ער איז עומד על הפירצה, אז די זאך זאל זיך פירן ערליך. עס קומט נישט אן גרינג, עס קומט מיט אסאך שוועריקייטן ווי דער סדר איז ביי די וואס זענען עוסק בצרכי ציבור. אבער אז מען איז עוסק בצרכי ציבור באמונה, באצאלט דער אייבערשטער דער שכר, אז מען זעהט שפעטער ביי די אייגענע קינדער, ווען מען דארף אליין אויסקלויבן א כלה, באצאלט דער אייבערשטער אויף דעם וואס מען האט זיך אוועקגעגעבן אז יודישע טעכטער זאלן ווערן אויפגעצויגן על דרכי התורה והעבודה.

**וויל** איך אנוואונטשען אז דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, אז די חתן און כלה זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, א אמת'דיגע ערליכע יודישע שטוב, עס זאל זיך ציען ווייטער די גאלדענע קייט, און די עלטערן און די זיידעס זאלן זעהן נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און ביי אונז אלע זאל מקוים ווערן, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

<u>*יום שני פרשת וירא*</u>

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הגה"צ **רבי מנחם מענדל גראס זצ"ל** אב"ד באר מנחם קאלוב.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יעקב** נ"י בן הר"ר **שמחה מיטעלמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מענדל הירש** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר החופה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **יעקב** נ"י בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה הערש קליין** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל וויסמאנדל** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלמה זאב ברייער** ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של החתן **יעקב מיטעלמאן** נ"י, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

<u>*יום שלישי פרשת וירא*</u>

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי זיידא אייכענשטיין שליט"א** דומ"ץ בורשטין (בן כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א, וחתן כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), עב"ג בת **הרה"ג רבי מנחם מענדל הורוויץ שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד זכרון נפתלי שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד בית שלום

**אליעזר דראצפערט שליט"א**), שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת וירא***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ראובן קאליש** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בת הר"ר **אליעזר דוד האפפמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **נחמי וועבערמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **הערשל בראדער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **נפתלי משה וויס** הי"ו, שהתקיים באולם פרענקל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, אחר כך מסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **נתן בנימין** נ"ו בן הרב **נחמן גרינצווייג** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **הערשל גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם כרם מנחם.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **נתן בנימין גרינצווייג** נ"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שישי פרשת וירא***

בשעות הצהרים התקיים הברית של בן הר"ר **יעקב קאליש** הי"ו בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת וירא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** אב"ד טארניגראד.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **מענדל** (ב"ר יואל) **פריעדמאן** נ"ו, עב"ג בת הר"ר **אהרן יוסף באש** הי"ו.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **צבי שפיטצער** ע"ה.